בס"ד

משפטים תשפ"ד
גליון 177

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהרי"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַזוֹי וִויל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!

מִיר הַאלְטְן אַ שַׁבָּת נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה, דִי וָואךְ אִיז דִי תּוֹרָה מַאֲרִיךְ וֶועגְן דֶער מַעֲמַד וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינָי.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע (שמות כד, ז)' אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפֶּעדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט קוֹדֶם 'נַעֲשֶׂה' אוּן נָאכְדֶעם 'וְנִשְׁמָע'. ר' נָתָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם פָּסוּק מִיט אַ ווָאוּנְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן עֶפֶּעס פַאר מֶען הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן? אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע זָאגְט פַאר זַיין קִינְד: "וִוילְסְט מִיר פָאלְגְן וָואס אִיךְ גֵיי דִיר יֶעצְט בֶּעטְן?" אוּן דָאס קִינְד זָאגְט: "יָא, אִיךְ גֵיי עֶס שׁוֹין מַאכְן", נָאךְ פַאר דָאס קִינְד וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס עֶר דַארְף טוּן, וִויאַזוֹי קֶען דָאס זַיין? ר' נָתָן אִיז מַמְשִׁיךְ, אַז דֶער פָּסוּק לוֹיבְּט אוֹיס דִי אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעפֶּעדֶערְט אוּן גְלַייךְ גֶעזָאגְט נַעֲשֶׂה פַאר נִשְׁמַע, אָבֶּער וִויאַזוֹי קֶען זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין שֵׂכֶל אַזַא זַאךְ? טוּן אַ זַאךְ פַאר מֶען הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי וִוילְן נִשְׁט חוֹקֵר זַיין מִיט קֵיין שׁוּם חֲקִירוֹת דִי טַעַם פוּן דִי מִצְוֹות, זֵיי דַארְפְן נִשְׁט פַארְשְׁטֵיין, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זָאגְן וֶועלְן זַיין טוּן אָן פַארְשְׁטֵיין, אָן קֵיין שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת, נָאר נָאכְן טוּן דִי מִצְוֹות קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין 'וְנִשְׁמָע', דָאס מֵיינְט פַארְשְׁטֵיין מִיטְן הַארְץ! רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַסַאךְ מָאל פוּן חֲזַ"ל אַז נִשְׁמַע מֵיינְט 'שׁוֹמֵעַ אֲנִי - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי", אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט הֵייסְן וֶועלְן מִיר גְלַייךְ מַאכְן, שְׁפֶּעטֶער וְנִשְׁמָע - אַז מֶען וֶועט פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִצְוֹות אוּן מֶען וֶועט דָאס טוּן בְּשִׂמְחָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין יֶעדֶער לוֹיט זַיינֶע דַּרְגוֹת צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי מִצְוֹות.

דֶערְפַאר הָאבְּן דִי אִידְן בַּאקוּמֶען צְוֵוייי קְרוֹינֶען, וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דִי מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְרוֹין אִיבֶּערְן קָאפּ! דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ אִיד בִּיז אַ גוֹי, אַ גוֹי מוּז אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין מִיט זַיין שֵׂכֶל, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּט זֵיי, זֶענֶען זֵיי חוֹקֵר, זֵיי וִוילְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי מְגַלֶּה זַיין אַלֶע טְעָמִים

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

פון די מִצְוֹות וֶועלְן זַיי אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט אײַנְהַאלְטְן די מִצְוֹות, אָבֶער די אִידְן מַאכְן אַלֶע מִצְוֹות מִיט אַ שִׂמְחָה. ווי ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט, ׳זִיכֶער אוּיבּ די גּוֹיִם וָואלְטְן גֶעזֶען די לִיכְטִיגְקַייט פוּן די מִצְוֹות, ווי יֶעדֶע מִצְוָה שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן און דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט, הֶעכֶער פוּן אַלֶע הַצְלָחוֹת און נָאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן דֶעם, זִיכֶער אִיז נִישְׁטָא דֶער וָואס אִיז אַזַא שׁוֹטֶה און טִפֵּשׁ וָואס ווִיל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַזַא וואוּילְקֵייט, אַזַא זִיסְקֵייט, אַזַא נִצְחִיוּת בִּפְרָט אַז מֶען קֶען קוֹיפְן די מִצְוַת מִיט אַפָּאר גְּרָאשְׁן, מִיט עֶטְלִיכֶע דָאלַאר קֶען מֶען קוֹיפְן אַ בִּינְטְל צִיצִית פַאר אַ טַלִּית, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע מִצְוָה וָואס קָאסְט וֵוייניג גֶעלְט.׳

די גַאנְצֶע וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְטְרָאגְן די לִיכְטִיגְקַייט וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע פְּשׁוּטֶ׳ע מִצְוָה – וָואס אִיז זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְּן און הוֹיךְ, וואוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן די מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה. אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַזַא אֵייבִּיגֶע מַתָּנָה, מִיר דַארְפְן זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי דֶעם אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה עַד אֵין קֵץ וְתַכְלִית אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער און אִין זַיין תּוֹרָה, אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און אַלֶע צַדִּיקֵי אֱמֶת, מִיט די הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין נָאכְדֶעם יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַּרְגָּה צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין די מִצְוֹות בִּיז אִיר שׁוֹרֶשׁ.

בִּפְרָט יֶעצְט קוּמֶען די טֶעג פוּן אֲדָר וָואס מֶען פַארְמֶערְט מִיט שִׂמְחָה. זָאל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט די ׳נְקוּדוֹת טוֹבוֹת׳ דָאס אִיז די אֱמֶת׳ע שִׂמְחָה. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז נָאךְ דָאס יָאר זָאל מֶען שׁוֹין קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן דֶעם עֲמָלֵק און זִיךְ גְרֵייטְן צוּם פּוּרִים ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

לָאמִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט שִׂמְחָה, עֶס זָאל שׁוֹין נִתְקַיֵּים וֶוערְן דֶער פָּסוּק ׳וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל רֹאשָׁם׳, גּוּט שַׁבָּת

**הר״ר יעקב פאללאק הי״ו לרגל הבר מצוה**
**של בנו החשוב כמר אברהם אלטר נ״י למזל טוב**

~~ ~~

**הר״ר ישראל נחמן שפירא הי״ו**
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

**הר״ר דוד אפפעל הי״ו לרגל הולדת**
**נכדתו למזל טוב**

~~ ~~

**הר״ר שלמה זלמן עפשטיין הי״ו**
**לרגל הולדת בתו**

# א טרער אויף אונזער טייערער חבר...

...חַיִּים׳ל, קוים יֶעצְט הָאסְטוּ עוֹלֶה גֶעוֶוען מַפְטִיר, אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעוָוארְפְן צוּקֶערְלֶעך, מַארְשְׁמֶעלאוס, אַזַא שִׂמְחָה אִין דֶער גַאנְצֶער שׁוּל. אַ פְרִישֶׁער בָּחוּר קוּמְט אַרַיין לְעֹל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת. זוּנְטָאג מִשְׁפָּטִים אִיז גֶעוֶוען דַיין בַּר-מִצְוָה אוּן דִינְסְטָאג בְּיוֹם שֶׁנִּכְפַּל בּוֹ כִּי טוֹב, בִּיסְטוּ שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען לְעוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב...

אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק אַ מִינוּט. כִּמְעַט יֶעדְן פְרַייטָאג צוּנַאכְט וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין שׁוּל צוּ שִׁיר הַשִּׁירִים, זֶע אִיךְ וִוי דוּ זִיצְט שׁוֹין גְרֵייט אוֹיף דַיין פְּלַאץ מִיט אַ סִדּוּר צוּ דַאוֶוענֶען, דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט קֵיין דְּבָרִים בְּטֵלִים אִין שׁוּל, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַן אֱמֶת׳ער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגֶל/בָּחוּר, מִיר הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ וָואס צוּ לֶערְנֶען פוּן דִיר אוּן דַיינֶע גוּטֶע אֵיידֶעלֶע מִדּוֹת.

מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן מִיר זֶענֶען אַלֶעס מְקַבֵּל מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַהֲבָה, מִיר פְרֶעגְן נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען, מֶען רֶעדְט נִישְׁט קֵיין אִיבֶּעריִגֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער פַאר אוּנְז חֲבֵרִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיין זַאךְ! עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ מִיר זָאלְן אִיבֶּערְנֶעמֶען דַיין פְּלַאץ אוּן קוּמֶען צֵייטְלִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דַאוֶוענֶען עֶרְנְסְט אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. דֶער שׁוּל זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קֵיין פְּלַאץ פוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דְּבָרִים בְּטֵלִים, נָאר רֶעדְן פוּנֶעם תַּכְלִית, פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה מִיט אַהֲבַת חֲבֵרִים.

וִוי בַּאוואוּסְט אַז דַיין זֵיידֶע רֶבִּי אַבְרָהָם נַחְמָן



שִׂמְחָה עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ דִי זַאךְ פוּן לֶעבְּן נָאר מִיטְן תַּכְלִית, גֶעדֶענְקֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק צוּם אֱמֶת׳ן וֶועלְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין אָטֶעם. זַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען, וִוי קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אִין דֶעם עוֹלָם הַשֶּׁקֶר אַבִּיסְל אֱמֶת, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ שְׁטִיק רֶבִּי, נָאךְ אַן עֵצָה, נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי׳ן וָואס קֶען לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט ווִיסְן ווִיפִיל יָארְן מֶען בַּאקוּמְט אַ מַתָּנָה צוּ קֶענֶען מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶער טַאטְן אִין הִימְל, אַזַא בָּחוּר וִוי דוּ וָואס הָאט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג צוּ קֶענֶען אָנְטוּן. כָּל-שֶׁכֵּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים אוּן לֵייגְן יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין אוּן נָאךְ אַסַאךְ הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, וִוי אַ קַאפְּל, צִיצִית, פֵּאוֹת, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, שַׁבָּת, כִּבּוּד אָב, א.א.וו. אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. זֶענֶען מִיר גֶעוְוינֶערְס.



מִיר הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: ״אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט צוּ מִיר אַזַא זַאךְ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען מַיינֶער אַ מֶענְטְשׁ פַאר זַיין צַייט״. חַיִּים׳ל הָאסְט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ

פְּלָאגְן און לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און אוֹיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט, און זִיךְ רוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, און לֶערְנֶען אִין רֶבִּי'נְ'ס חֵדֶר וָואס טְרָאגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס נָאמֶען. זָאלְסְט טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס הֵיכַל און זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן רֶבִּי'ן און זַייְנֶע תַּלְמִידִים און דַייְנֶע חָשׁוּבֶ'ע זֵיידֶעס.

פַאר אוּנְז קִינְדֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן צוּ מַאכְן דֶעם רִיכְטִיגְן יִשׁוּב הַדַּעַת, אַז עֶס אִיז דָא אַ צַייט פַאר יֶעדְן אֵייְנֶעם. און דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית בְּרֶענְגְט צוּ דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אַז מֶען ווייסְט אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט ווערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט דִי עֵצוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע לֶעבְּטִיגֶער רֶבִּי.

לָאמִיר זַיין חֶבְרָה לַייט און אוֹיסְנוּצְן אוּנְזֶערֶע טֶעג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער און אִין דִי צַדִּיקִים און הָאבְּן אֱמוּנָה אִין אוּנְז אַז יֶעדֶער פוּן אוּנְז אִיז אוֹיסְדֶערְוֶוועלְט פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער צוּ זַיין בַּיי אִים ווִי אַ בֵּן יָחִיד, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים בִּפְרָט און בִּכְלָל גְלֵייבְּן אִין יֶעדְן אִידְ'ס כֹּחַ, כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם. דָאס וֶועט זִיכֶער זַיין אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן הַבָּחוּר חַיִּים שְׁמוּאֵל מֵאִיר עָלָיו הַשָּׁלוֹם בֶּן יבלחט"ר ר' דָּוִד נ"י.

*דַּייְנֶע חֲבֵרִים, בֵּית שֶׁמֶשׁ*




*המשך פון פריער:*

*ר' משה גלידמאן זאגט ביינאכט נאך מעריב פארן עולם: עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, "מֶען דַארְף זִיךְ גֵיין צוּגְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן גַאסְט, דֶער צַדִּיק, וָואס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט אָן."*

וֶוען דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיפְן קוֹל וֶוער אִיז דֶער צַדִּיק וָואס קוּמְט בַּאזוּכְן דִי שְׁטָאט?, הָאט זֵיי ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק, ר' חֲצוֹת, קוּמְט שׁוֹין אָט אָט אָן."

ר' מֹשֶׁה הָאט אוֹיךְ גֶעפוּנֶען צַייט אַרוּמְצוּגֵיין אִיבֶּער דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט, קְלַייבְּנְדִיג פַאר פִילֶע צְדָקָה צְוֶועקְן, און עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט בַּאקַאנְט מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע אֵיידְלְקֵייט, אָנְגֶעמֶענְדִיג סַיי ווֶעלְכֶע סְכוּם מֶען הָאט אִים נָאר גֶעגֶעבְּן.

*

ווײַבאַלד ר׳ מֹשה האָט מַחליט געווען אַרויפֿצוגיין קיין אֶרץ יִשׂרָאֵל, איז ער נישט גרייט געווען אויפֿצוגעבן אויף זײַן רָצון, ער האָט געוואוסט בײַ זיך אַז ער מוז דאָס אויספֿירן פֿאַר יעדן פּרײַז אויף דער וועלט, און איז געווען זיכער בײַ זיך אַז מיט די ריכטיגע עקשנות דקדושה און פֿילע תּפֿילות וועט ער עס מיטן הילף פֿון באַשעפֿער זיכער ברעכן.

נאָכן שיקן פֿילע בריוון צו די הויכע פּענסטערס וועלכע זענען געווען געשטעלט איבער די ערלויבענישן צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, און ערהאַלטנדיג פֿון זיי שטענדיג דעם זעלבן ׳ניעט׳ ענטפֿער, און איבערהויפּט נאָך זײַן לעצטע מאָל וואָס ער האָט אַרײַנגעגעבן די נויטיגע פּאַפּירן וועלכע איז אָפּגעזאָגט געוואָרן אינאיינעם מיט אַ שטרענגע וואָרענונג אַז דאָס קומענדיגע מאָל וואָס ער בעט צו פֿאַרלאָזן דעם זיסן לאַנד וועט ער שטרענג באַשטראָפֿט ווערן, האָט ר׳ מֹשה אײַנערקענט אַז ער מוז נעמען פֿרישע שריט און אַ נײַע מהלך.

אין אַ געוואַגטן שריט – עפּעס וואָס וואָלט אים געקענט אָפּקאָסטן צענדליגע יאָרן אינעם ווײַטן פֿראָסטיגן סיביר - האָט ער זיך געזעצט שרײַבן אַ פּערזענליכן בריוו, צו... - נישט קיין אַנדערער ווי סטאַלין אַליינס!

מיט גרויס קוראַזש, בעטנדיג אַ תּפֿילה צום אויבערשטן, האָט ער זיך גענומען שרײַבן ווי פֿאָלגנד: "ווײַבאַלד מײַן טאַטע עליו השלום האָט מיר באַפֿוילן איידער ער האָט פֿאַרלאָזט די וועלט, אַז איך זאָל זיך בלויז שפּײַזן פֿון געלטער וועלכע איך וועל קלײַבן בײַ גוטהאַרציגע מענטשן, און אינעם מוטער-לאַנד רוסלאַנד טוט דאָס געזעץ שטרענג פֿאַרבאָטן שנאָרעראַיי. דעריבער, געפֿין איך זיך אין אַ שווערע פֿאַרלעגנהייט, פֿון איין זײַט ליגט אויף מיר די אַחריות צו מקיים זײַן מײַן פֿאָטערס צוואָה, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט וויל איך חלילה נישט עובר זײַן אויף סײַ וועלכע געזעץ וואָס דער צאַר האָט באַפֿוילן... דערפֿאַר בעט איך פֿון אײַך, טײַערער ליבער ׳חבר סטאַלין׳, גיב מיר ביטע ערלויבעניש צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, און אַזוי וועלן בײדע פּראָבלעמען געלעזט ווערן גרינגערהייט".

דאָס בריוול איז אָנגעקומען צו איר אַדרעס, און איז געליינט געוואָרן דורך די אײַנגעשטעלטע וועלכע האָבן זיך געפֿרייט פּטור צו ווערן פֿון דעם מאָדנעם אָנשיקעניש... ביז געציילטע טעג האָט זיך ר׳ מֹשה שוין געפֿונען אויפֿן שיף צום הייליג לאַנד מיט די נויטיגע שריפֿטן!

# הַפָּצָה




**בֶּערֶעלֶע** – זֵיידִי, וִויאַזוֹי קֶען אַ יוּנְגְל אַזוֹי וִוי אִיךְ מַאכְן הֲפָצָה?

**זֵיידֶע** – הֲפָצָה? דוּ ווִילְסְט מַאכְן הֲפָצָה?

**בֶּערֶעלֶע** – יָא! בַּיים יָארְצַייט פוּן ר׳ נָתָן, עֲשָׂרָה-בְּטֵבֵת הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעהֶערְט רֶעדְן אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען דַארְף מַאכְן הֲפָצָה און אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, ׳וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן הֲפָצָה?׳

**זֵיידֶע** – הָאסְט זֵייעֶר גוּטֶע רְצוֹנוֹת בֶּערֶעלֶע, נָאר צוּ וֶועלְן גוּטֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ׳ע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְן מִיר וֶועגְן הֲפָצָה דַארְף מֶען קוֹדֶם רִיכְטִיג פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס בַּאדַייט, לָאמִיר זֶען צוּ דוּ קֶענְסְט מִיר עֶרְקְלֶערְן דִי טַייטְשׁ פוּן הֲפָצָה?

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ מֵיין אַז דָאס מֵיינְט דְרוּקְן אַסַאךְ סְפָרִים, טַיילְן גִלְיוֹנוֹת... נֵיין?

**זֵיידֶע** – הֲפָצָה אִיז טַייטְשׁ - פַארְשְׁפְּרֵייטְן! אַז אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס צוּ גֶעבְּן פַאר דֶער וֶועלְט, אָבֶּער דֶער עוֹלָם וֵוייסְט נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם ווייל עֶר בַּאוואוּסְט מַאכְן דִי זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן אַז בַּיי אִים קֶען בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט מַאכְן הֲפָצָה... גְרוֹיסֶע פַאבְּרִיקְן מַאכְן הֲפָצָה פוּן דִי זַאכְן וָואס זֵיי פַאבְּרִיצִירְן אַז דֶער עוֹלָם זָאל ווִיסְן פוּן דֶעם און קוֹיפְן זֵייעֶרֶע פְּרָאדוּקְטְן. אַסַאךְ גֶעשֶׁעפְטְן, בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת, דָאקְטוֹירִים און מוֹסְדוֹת מַאכְן הֲפָצָה פוּן זֵייעֶר זַאךְ אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ פַארְקוֹיפְן, אַזוֹי אַז דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט הֲפָצָה...

**בֶּערֶעלֶע** – אָבֶּער זֵיידִי, צוּ מְפַרְסֵם זַיין פְּרָאדוּקְטְן אִיז אַן אַנְדֶער סָארְט הֲפָצָה וָועמֶען קֶען עֶס אֱמֶת׳דִיג הֶעלְפְן? סְ׳קָאסְט נָאר אָפּ גֶעלְט, און בְּלָאזְט אָן דִי טַאשׁ פוּן דִי אַלֶע פַאבְּרִיקְן און גֶעשֶׁעפְטְן....

**זֵיידֶע** – רִיכְטִיג! אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, אוּנְטֶער דִי הֲפָצָה אִיז דָא אַ אַנְדֶערֶע מַטָּרָה... דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אֵיידֶער מֶען גֵייט מַאכְן הֲפָצָה צוּ אַרַיינְטְרַאכְטְן, ׳וָואס אִיז מַיין מַטָּרָה? צוּ וָואס צִיל אִיךְ?׳

**בֶּערֶעלֶע** – זֶעט מִיר אוֹיס אַז דִי אֱמֶת׳ע מַטָּרָה פוּן הֲפָצָה אִיז צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳נְס זַאךְ. אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן אַז סְ׳אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**זֵיידֶע** – גֶעוואַלְדִיג! אָבֶּער פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן אַז סְ׳אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס?

**בֶּערֶעלֶע** – ווַייל דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי הֶעלְפְן,

**זֵיידֶע** - מִיט וָואס?

**בֶּערֶעלֶע** – עֶם... דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, זֵיי שְׁטַארְקְן, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**זֵיידֶע** – ווִי מֶער מֶען כַאפְּט וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, מֶען זֶעט ווִי אַזוֹי דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן רַאטֶעוֶועט אוּנְזֶער לֶעבְּן קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן און בַּאקַאנְט מַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד ר׳ נָתָן זי״ע אוֹיף וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מֶערְסְטֶע הַשָּׂגָה אִינֶעם רֶבִּי׳ן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי מֶערְסְטֶע גֶעקֶענְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט

פוּן רֶבִּי'ן, ווייל אֵיינְס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין צְוֵוייטְן, וְויפִּיל מֶער מֶען אֵיינֶערְקֶענְט אִין דֶעם אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס לִיגְט אִין יֶעדְן דִּבּוּר, אִין יֶעדֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וְוי שְׁטַארְק עֶס קֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אַזוֹי קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

**בֶּערֶעלֶע** – אָבֶער אוֹיבּ הָאט אֵיינֶער יָא עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען בֶּאֱמֶת פוּן רֶבִּי'ן וְוי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זַאךְ? אִיךְ קֶען נִישְׁט דְרוּקְן סְפָרִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן דִי וָואס טוּעֶן אִין דֶעם, אִיז וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן הֲפָצָה?




**זֵיידֶע** – כָּאטְשׁ דְרוּקְן סְפָרִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע זַאךְ אָבֶער הֲפָצָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה י"ט): "כִּי צָרִיךְ לְזַכֵּךְ אֶת הַפָּנִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיסְלֵייטֶערְן זַיין פָּנִים אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ קֶענֶען זֶען אִין אִים אַזוֹי וְוי אִין אַ שְׁפִּיגְל, "עַד אֲשֶׁר בְּלֹא תוֹכָחָה וּבְלֹא מוּסָר יִתְחָרֵט חֲבֵרוֹ תֵּכֶף עַל מַעֲשָׂיו," אַז נָאר מִיטְן קוּקְן אוֹיף אִים וֶועט מֶען גְלַייךְ בַּאקוּמֶען הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, נָאר פוּן צוּ קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס זַיין חָבֵר וֶועט קוּקְן אוֹיף אַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְטֶע פָּנִים וֶועט עֶר זִיךְ אַלֵיין זֶען וְוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן אַיינְזֶען אַז עֶר אִיז "מְשֻׁקָּע בְּחֹשֶׁךְ" עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין טוּנְקֶל....

דֶער רֶבִּי ז"ל לֶערְנְט אוּנְז אַ גֶעוָואלְדִיגֶע סוֹד, אַז וֶוען אֵיינֶער אַרְבֶּעט זִיךְ אַלֵיין אוֹיס, עֶר רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס א.ד.ג. לַייטֶערְט עֶר אוֹיס זַיין פָּנִים אַזוֹי אַז וֶוער עֶס וֶועט נָאר קוּקְן אוֹיף אִים וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן נָאר פוּנֶעם קוּקְן אַלֵיין!

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר פוּן צוּ קוּקְן אוֹיף ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא ז"ל, לִכְאוֹרָה הָאט ר' שְׁמוּאֵל נִישְׁט עוֹסֵק גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל אִין הֲפָצָה אָבֶער זַיין אוֹיסְגֶעלַייטֶערְטֶע גֶעזִיכְט, זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דִי אוֹיגְן בַּיים דוּרְכְגֵיין דִי גַאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה...

**בֶּערֶעלֶע** – הָא דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אִיךְ וֶועל פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן בֶּאֱמֶת, וֶועל אִיךְ אַלֵיין זַיין אַ שְׁטִיק הֲפָצָה?

**זֵיידֶע** – יָא! אַוַודַאי, וֶוער ס'קֶען דְרוּקְן סְפָרִים אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן א.א.וו. דַארְף טוּן וָואס עֶר קֶען, אָבֶער פַארֶעפְנְטְלִיכְן דֶער נָאמֶען פוּן גְרוֹיסְן צַדִּיק דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי וְוי אַ זִיגְל [שְׁטֶעמְפְּל], וֶוען אֵיינֶער קוּקְט אוֹיפְן זִיגְל אַלֵיין קֶען עֶר נִישְׁט לֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער (ווייל עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר אוּן פַארְקֶערְט) אָבֶער נָאךְ וָואס מֶען סְטֶעמְפְּלְט אָפּ דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן בְּלַאט קֶען מֶען דַאן אוֹיפְן פַּאפִּיר זֶען שֵׁיין אוּן קְלָאר דִי וֶוערְטֶער.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז, אַז אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת הָאבְּן אוּנְז פְּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה

צוּ פַאַרְשְׁטֵיין זַיין גְרוֹיסְקַייט, אָבֶער וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן פוּן צַדִיק אוּן מֶען אֵיינֶערְקֶענְט וִוי דֶער צַדִיק הָאט אָפְּגֶעסְטֶעמְפְּלְט אִין זֵיי זַיין הֵיילִיגֶער לוֹיטֶערְן דַעַת, מֶען זֶעט אַז זֵיי זֶענֶען אֱמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן דֶעמָאלְס קֶען מֶען דוּרְךְ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן צַדִיק בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל בַּאגְרִיף אִינֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק.

**בֶּערֶעלֶע** – אוֹיבּ אַזוֹי טְרָאגְט יֶעדֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיס אַחֲרָיוּת... וַוייל אַז מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין קֶען עֶס חַס וְשָׁלוֹם דֶערְוַוייטֶערְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם צַדִיק...

**זֵיידֶע**, – רִיכְטִיג, יֶעדֶער אִיד, יֶעדֶער פְרוּמֶער אִיד וָואס הִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחֲרָיוּת צוּ מַאכְן אַ קִדּוּשׁ ה' מִיט זַיין אוֹיפִירוּנְג, כָּל-שֶׁכֵּן וֶוער ס'הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִיק דַארְף זַיין פָּארְזִיכְטִיג. אָבֶער מִידָה טוֹבָה מְרֻבָּה מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי גֵייעֶן דָאס אָנְקוּקְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע, נָאר טוּן מַיינְס אִין אִידִישְׁקַייט מִיט תְּמִימוּת אוּן אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר איך זָאל מַאכְן הֲפָצָה מִיט מַיין אוֹיפִירוּנְג."



דִי וָואךְ אִיז רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר א', מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען מִיר וֶועלְן זִינְגֶען לְהוֹדִיעַ.... לְהוֹדִיעַ... מִיר בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן 'עֶס זָאל בַּאוואוּסְט וֶוערְן אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעהָאפְּט אוּן גֶעבֶּעטְן אַלֶע יָארְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל זָאל נִישְׁט פַּארְשֶׁעמְט וֶוערְן,' לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֹיךְ לֹא יֵבוֹשׁוּ וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ....

**בֶּערֶעלֶע** - יִישַׁר כֹּחַ זֵיידִי, עֶס אִיז מִיר אַסַאךְ קְלָארֶער גֶעוָוארְן פַאר דִי אוֹיגְן, ווִידֶערְאַמָאל בַּאמֶערְק אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט פוּן אוּנְז גְרֶעסֶערֶע זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט טְרָאגְן, אִיךְ גֵיי אַהֵיים פוּן אוּנְזֶער גֶעשְׁמַאקְן שְׁמוּעֶס אוּן אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט וַוייט אִין הִימְל, אָדֶער גָאר אִיבֶּערְן יָם, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין וואוּ נָאר עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

# סיפורי מעשיות מעשה ט' - דער חכם און דער תם 5

דֶערְוַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם 'מֶלֶךְ' מְסִירוֹת אוֹיף דֶעם 'גַאבִּירְנֶער': "בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר טוּט 'פַאלְטְשְׁקֵייט'"! – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אִים מַעֲבִיר גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: אָפְּגֶעזֶעצְט [אָפְּגֶעזָאגְט])!

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "ס'אִיז גוּט אַז ס'זָאל זַיין אַ 'גַאבִּירְנֶער', אַ פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשׁ, דְהַיְינוּ: אַ 'תָּם'! – וָוארְן דִי 'תָּם' וֶועט פִירְן דִי מְדִינָה מִיט 'אֱמֶת' אוּן מִיט 'יוֹשֶׁר', מַחְמַת [ווייל] עֶר ווֵייסְט נִישְׁט קֵיין 'חָכְמוֹת' אוּן קֵיין 'הַמְצָאוֹת'"!

אִיז דֶעם 'מֶלֶךְ' גֶעפֶעלְן: "אַז עֶר זָאל מַאכְן דֶעם 'תָּם' (דְהַיְינוּ: דֶער 'תָּם' וָואס עֶר אִיז דֶער חָבֵר פוּן דֶעם 'חָכָם וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט) פַאר

אַ ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעשִׁיקְט אַ ׳אוּקַאז׳ [בַּאפֶעל]: ״אַז דֶער ׳תָּם׳ וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט, זָאל עֶר וֶוערְן ׳גַאבִּירְנֶער׳!

און דֶער ׳תָּם׳ מוּז [דַאךְ] פָארְן דוּרךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער ׳גַאבֶּערְנְיֶע׳ [מֶמְשָׁלָה פוּן יֶענֶעם פְּרָאווִינְץ־גְלִילוֹת] – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף [אַוֶועקְשְׁטֶעלְן בַּיי] דִי טוֹיעֶרְן פוּן דֶער שְׁטָאט – אַז תֵּיכֶף ווִי דֶער ׳תָּם׳ וֶועט אָנְקוּמֶען, זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן [אָפְּשְׁטֶעלְן], און מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבְּן דִי ׳טְשִׁין׳ [בַּאקְרוֹינוּנְגְס צֶעטְל] אַז עֶר זָאל זַיין ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט מֶען אַזוֹי גֶעטָאן – און מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף [בַּיי] דִי טוֹיעֶרְן – און תֵּיכֶף ווִי עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן, הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט], און מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן ׳גַאבִּירְנֶער׳״!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״נָאר אָן לֵיצָנוּת״?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַוַודַאי, אָן שׁוּם לֵיצָנוּת״!

אִיז דֶער ׳תָּם׳ גֶעוָוארְן תֵּיכֶף ׳גַאבִּירְנֶער׳ בְּתוֹקֶף וָעוֹז [מִיט שְׁטַארְקֵייט]!

און הַיינְט אַז דָאס ׳מַזָל׳ הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן – און ״מַזָל מַחְכִּים״ (דְהַיְינוּ: דָאס ׳מַזָל׳ מַאכְט קְלוּג) [שַׁבָּת קנו.] – הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקְרִיגְן אַבִּיסְל ׳הֲבָנָה׳ (דְהַיְינוּ: פַארְשְׁטַאנְד) – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זַיין ׳תְּמִימוּת׳ אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר!

און עֶר הָאט גֶעפִירְט דִי מְדִינָה, מִיט ׳תְּמִימוּת׳, מִיט ׳אֱמֶת׳, און מִיט ׳יוֹשֶׁר׳ – און עֶר הָאט קַיין שׁוּם ׳פַאלְטְשְׁקֵייט׳ און קַיין ׳עַוְלָה׳ נִישְׁט גֶעטָאן קֵיינֶעם! – און אוֹיף פִירֶערְן פוּן אַ מְדִינָה, בַּאדַארְף מֶען קַיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל און קַיין חָכְמוֹת נִישְׁט, נָאר ׳יוֹשֶׁר׳ און ׳תְּמִימוּת׳!

אַז ס׳זֶענֶען גֶעקוּמֶען ׳צְווֵיי מֶענְטְשְׁן׳ זִיךְ לָדוּן [מִשְׁפְּטְ׳ן] פַאר אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דוּ בִּיזְט זַכַּאי, און דוּ בִּיזְט חַיָּיב״! – אַזוֹי־ווִי זַיין ׳תְּמִימוּת׳ און זַיין ׳אֱמֶת׳ אִיז גֶעוֶוען, אָן אַ שׁוּם ׳רַמָאוּת׳ [פָאפֶערַיי], און אָן ׳פַאלְטְשְׁקֵייט׳.

און אַזוֹי הָאט עֶר אַלְץ [אַלֶעס] גֶעפִירְט מִיט ׳אֱמֶת׳!

הָאט אִים דִי מְדִינָה זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט! – און עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעטְרַייעֶ ׳יוֹעֲצִים׳, וָואס זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט בֶּאֱמֶת!

און מַחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט – הָאט אִים אֵיינֶער אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן:

״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווִי] דוּ וֶועסְט זִיךְ בְּוַודַאי מוּזְן קוּמֶען פַאר דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר גֶעשִׁיקְט! – און ווִידֶער דֶער סֵדֶר אִיז, אַז אַ ׳גַאבִּירְנֶער׳ מוּז קוּמֶען פַאר דֶעם ׳מֶלֶךְ׳!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! כָאטְשֶׁע דוּ בִּיזְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, און דֶער ׳מֶלֶךְ׳ וֶועט אִין דִיר נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין שׁוּם ׳פַאלְטְשְׁקֵייט׳ אִין דַיין פִירֶערְן דִי מְדִינָה – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, ס׳אִיז אָבֶּער דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, אַז [ווען] עֶר שְׁמוּעֶסְט, אַז אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד, גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט [זַייטִיגֶע זַאכְן], און הֵייבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן [פוּן אַנְדֶערֶע] ׳חָכְמוֹת׳ און ׳לְשׁוֹנוֹת׳ [שְׁפְּרַאכְן]!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! אִיז שֵׁיין, און ס׳אִיז דֶרֶךְ־אֶרֶץ, אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז רֶעכְט [רִיכְטִיג], אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת״!

אִיז דָאס גֶעפֶעלְן דֶעם ׳תָּם׳ – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״וָואס אַרְט עֶס מִיךְ, אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת״!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶערְנְט, און הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת!

אִיז אִים תֵּיכֶּף גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין [גֶעדַאנְק], [וָואס] דֶער 'חָכָם' זַיין חַבֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אַז ס'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] בְּשׁוּם־אוֹפֶן, אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין 'חָכְמָה'״! – אָט בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף זַיין 'חָכְמָה'!

(אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, כָּאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט 'חָכְמוֹת' – הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט מִיט דִי 'חָכְמוֹת' – נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זַיין 'תְּמִימוּת' אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר).

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט: ״אַז דֶער 'תָּם' דֶער 'גַאבִּירְנֶער', זָאל צוּ אִים קוּמֶען״! אִיז עֶר צוּ אִים גֶעפָארְן! הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' פְרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'תָּם', פוּן דֶעם פִירֶעכְץ פוּן דֶער מְדִינָה!

אִיז עֶר דֶעם 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזֶעהְן: ״אַז עֶר פִירְט מִיט 'יוֹשֶׁר', אוּן מִיט גְרוֹיס 'אֱמֶת', אָן אַ שׁוּם 'עַוְלָה', אוּן גָאר אָן 'פַאלְטְשְׁקֵייט'״!

נָאכְדֶעם הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן 'חָכְמוֹת' אוּן 'לְשׁוֹנוֹת'! – הָאט אִים דֶער 'תָּם' גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי־וִוי מֶען בַּאדַארְף!

אִיז דָאס דֶעם 'מֶלֶךְ' נָאךְ בֶּעסֶער גֶעפֶעלְן! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ זֶעה, אַז עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם', אוּן פִירְט זִיךְ פָּארְט מִיט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'תְּמִימוּת'״!

אִיז עֶר דֶעם 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אִים גֶעמַאכְט: ״פַאר אַ 'מִינִיסְטֶער' [הַאר] אִיבֶּער אַלֶע 'מִינִיסְטֶערְס' [הַארְן]״!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהֵייסְן: ״מ'זָאל אִים אָפְּגֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט, וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצְן״! – אוּן הָאט גֶעהֵייסְן: ״אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמוֹיעֶרְן זֵייעֶר 'שֵׁיינֶע מוֹיעֶרְן', אַזוֹי־וִוי ס'קֶער צוּ זַיין״!

אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ 'כְּתַב' אוֹיף דֶעם: ״אַז עֶר זָאל זַיין 'מִינִיסְטֶער'״! אִיז אַזוֹי גֶעוֶועזְן – [אַז] מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעמוֹיעֶרְט זֵייעֶר 'וואוֹילֶע מוֹיעֶרְן שֵׁיינֶע', אִין דֶעם אָרְט [פְּלַאץ] וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהֵייסְן!

[אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען] – אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי גְדוּלָה בְּתוֹקֶף [מִיט שְׁטַארְקֵייט]!

דֶער 'חָכָם' – אַז ס'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען דֶער 'בְּרִיוו' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּ דֶעם 'חָכָם' וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דֶעם 'בְּרִיוו': ״וַוארְט, אוּן נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער – וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין״!

אוֹיף דֶער נַאכְט, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אוֹיף [פַאר] אִים אַ גְרוֹיסֶע 'סְעוּדָה'! אִין [אִינְמִיטְן] דֶעם עֶסְן, הָאט דֶער 'חָכָם' (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם') אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן [אִיבֶּערְקְלוּגְן] אוּן צוּ קְלֶערְן מִיט זַיין 'חָכְמָה' אוּן מִיט זַיין 'פִילוֹסוֹפְיָא' [פִילָאזָאפְיֶע], אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט:

״וָואס קֶען דָאס בַּאדַייטְן: וָואס אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מֶלֶךְ', זָאל שִׁיקְן נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] קְלֵיינֶעם מֶענְטְשׁ וִוי 'אִיךְ' בִּין?! – וָואס בִּין 'אִיךְ' עֶס אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר?!

וָואס טַייטְשׁ: [אַז] אַזוֹי אַ [אַזַא] גְרוֹיסֶער 'מֶלֶךְ' – וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ 'מֶמְשָׁלָה', אוּן אַזוֹי אַ 'גְדוּלָה' – אוּן 'אִיךְ', אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין, אַקֶעגְן אַזוֹי אַ [אַזַא] גְרוֹיסְן [אוּן פָּארְכְטִיגְן] 'מֶלֶךְ'? – נָא וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ [וִויאַזוֹי פַארְשְׁטֵייט מֶען] דָאס אִין 'שֵׂכֶל', אַז אַזוֹי אַ 'מֶלֶךְ' זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר?!

אִיךְ זָאל זָאגְן: מֵחֲמַת [אַז צוּלִיבּ] מַיין 'חָכְמָה' הָאט עֶר נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט?! – וָואס טְרֶעף 'אִיךְ' אָן אַקֶעגְן דֶעם 'מֶלֶךְ'?! – הָאט דֶען דֶער 'מֶלֶךְ' קַיין 'חֲכָמִים' נִישְׁט?! – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אַלֵיין, אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם'? – אוּן וָואס אִיז דָאס אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן״?! אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערוֹיף זֵייעֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט!

פאר: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (5)

**א. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**
- ☐ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ☐ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ☐ ער זאל שנעל קומען צום קעניגס פאלאץ.

**ב. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד ?**
- ☐ ווייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ☐ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ☐ ווייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ג. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה ?**
- ☐ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ☐ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ☐ מיט ישוב הדעת.

**ד. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**
- ☐ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ☐ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**ה. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**
- ☐ יא.
- ☐ ניין.
- ☐ ער האט געלערנט נאר לשונות אן חכמות.

**ו. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**
- ☐ ווייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ☐ ווייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**
- ☐ פאר א שר האוצרות.
- ☐ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ☐ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטערים.

**ח. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**
- ☐ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ☐ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ☐ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### איבער געטראכט

**וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון ?**

**און ביי וועלכע נאך מעשיות ווערט עס דערמאנט ?**



**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (4)**

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"?** 31

**ווער פלעגט לויפן?** דער תם **ווער האט זיך מיישב געווען?** דער מלך **ווער איז געפארן?** די שלוחים

פון דער מלך **ווער האט אויס געלאכט?** דער חכם **ווער איז זייער פריילעך געווען?** דער תם

**דער געווינער אויף פרשת בשלח איז הילד החשוב נתן רוזנבלאט, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040

בס"ד

# מודעה חשובה

בעז"ה גרייטן מיר זיך אויף

## גאר א שיינעם מסיבה

וואס וועט פארקומען

**דאנערשטאג פרשת תרומה**

אור ליום ז' אדר א' הבעל"ט

## אין בית המדרש ד'מאנסי שמחה זאל

3 Harvest Ct, Monsey, NY 10952

אינאיינעם מיטן סיום פארן ספר הקדוש

## השתפכות הנפש

גלייכצייטיג וועט דער כינוס דינען אלס א חיזוק פאר די קינדער
זיך צו שטארקן מיט די הייליגע עצה פון רבי'ן
צו רעדן צום באשעפער יעדן טאג.

מירווארטן אייך צו זען

**מתמידים והודעתם לבניך**

איינטריט פאר תלמידי המתמידים איז $25 [אריינגערעכנט טראנספארטאציע]
קינדער וועלכע לערנען נישט אין מתמידים $45 [אריינגערעכנט
טראנספארטאציע. $35 אן]

די קינדער דארפן זיך איינשרייבן אויפן טעלעפאן ליין 646-585-2977
אדער רופן ר' יוסף קליין: 347-585-7209

## איך בין נישט אליין

מיטן באשעפער
מיטן רבי'ן
מיט די חברים

ד' אדר א' תשפ"ד

## סדר המעמד:

6:30 **נטילת ידים** > אינטערעסאנטע דרשות > **אנגענעמע ניגונים פארברענג מיטן נייעם נ...** > התבודדות פארשפיל > **גורל 148** > סיום ספה"ק השתפכות הנפש > **ברכות קודש מאת אחד מזקני אנ"ש** > שיין און באצויבערט... > **ברכת המזון** > גורלות > **אטעם פארכאפט, דראמאטיש...** > 10:10 מען גייט אהיים בעז"ה אנגעזאפט מיט פילע באגאזשן.

לייגט אוועק די צוויי נומערן צו קענען קאנטאקטן די קינדער בשעת דעם מעמד: 347-231-9084 - 347-585-7209